יו"ל ע"י קהילת **שבתי בבית ד'** ◆ בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ רבי **גמליאל הכהן רבינוביץ** שליט"א

# טיב הקהילה

דער בלעטל אויף אידיש

פרשת **נח**
ו' חשון
תשפ"ז

רח
שנה ה'

טיב המערכת

## וַיְהִי הַגֶּשֶׁם

מיר זענען נארוואס ארויסגעגאנגען פון די תקופה פון די ימים טובים פון חודש תשרי, וואס צווישן זיי זענען געווען עטליכע טעג וואס ווערן אנגערופן 'ימי החתימה', און עס זענען דא מענטשן וואס פרעגן - היתכן? וויאזוי קען דאס זיין! דא זאגט מען אונז אז ראש השנה איז דער יום הדין, אויב אזוי, וויאזוי קען זיין אז יום כיפור איז דער יום הדין? און נאכדעם פרעגט מען ווייטער, אום יום הכיפורים איז דאך געווען דער יום החתימה, אויב אזוי, וויאזוי זאגט מען אז אום הושענא רבה איז דער יום החתימה?

נאר דער הסבר איז, אז אום ראש השנה שרייבט השי"ת און אום יום כיפור חתמ'עט ער, אבער אום הושענא רבא טוט דער אויבערשטער פארבעסערן די חתימה. און אויב מיר וועלן אריינקוקן אין די פרשה פון די וואך וועלן מיר קענען בעסער פארשטיין דעם ענין.

ווען דער מבול האט אנגעהויבן צו גיין, שטייט אין די תורה 'וַיְהִי הַגֶּשֶׁם עַל הָאָרֶץ', און רש"י הקדוש איז מסביר 'וַיְהִי הַגֶּשֶׁם – וּלְהַלָּן הוּא אוֹמֵר וַיְהִי הַמַּבּוּל, אֶלָּא כְּשֶׁהוֹרִידָן, הוֹרִידָן בְּרַחֲמִים שֶׁאִם יַחְזְרוּ יִהְיוּ גִּשְׁמֵי בְּרָכָה, וּכְשֶׁלֹּא חָזְרוּ הָיוּ לְמַבּוּל'. פון די ווערטער פון רש"י זעען מיר א שרעקליכע זאך, אז כאטש די גזירה איז שוין נגזר געווארן, און דער אויבערשטער האט געווארט הונדערט און צוואנציג יאר ביז נח האט געבויט די תיבה, און ווען דער צייט איז אנגעקומען האט ער געווארן נאך זיבן טעג וויבאלד מתושלח איז נפטר געווארן, און צום סוף ווען די רעגן האט אנגעהויבן צו גיין, איז עס געגאנגען ברחמים אלץ גִּשְׁמֵי בְּרָכָה, ווייל מעגליך וועלן די מענטשן תשובה טון, און דעמאלטס, נישט נאר וועט עס נישט זיין קיין מבול, נאר עס וועט זיין גִּשְׁמֵי בְּרָכָה!

לויט דעם ערקלערונג פארשטייט מען שוין גוט וויאזוי עס קען זיין אז עס זענען דא עטליכע טעג פון 'דין' און עטליכע טעג פון 'חתימה', ווייל דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות געבט אונז נאך א געלעגנהייט און נאך א געלעגנהייט צו תשובה טון, און אפילו יעצט, איז נאך אלץ שַׁעֲרֵי דְּמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ, און יעדער איינער האט די מעגליכקייט צו תשובה טון, ווייל דער אויבערשטער איז 'הַפּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִּתְשׁוּבָה'.

מורנו ורבינו שליט"א פירט זיך צו זאגן אין נאמען פון צדיקים, אז דער אויבערשטער שיקט אונז טאג־טעגליך טויזנטער ווינקען און רופן וואס שרייען אויס צו אונז אז מיר זאלן תשובה טון, מיר דארפן נאר גוט אויסהערן. מיר דארפן עפענען אונזערע אויגן, אויפמאכן אונזערע אויערן, און אויסהערן די קולות. יעדן מאל וואס איינער זעט א מעלדונג אדער ער הערט דער שטימע וואס רופט אויס אז א איד איז נפטר געווארן, איז דאס א צייכן פון הימל וואס דערמאנט אונז אז מען בלייבט נישט דא אויף אייביג, און אזוי ווייטער.

איז לאמיר נישט זיין קיין טיפשים אזוי ווי דער דור המבול, וועלכע האבן נישט אויסגעהערט די ווארענונגען און די רמזים. און כאטש די יעצטיגע טעג ווערן נישט באטיטלט אלץ 'ימי תשובה', אבער אויף דעם זאגן דאך די הייליגע חז"ל 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁלֹּא חָטָא, וּמִי שֶׁחָטָא יָשׁוּב וְיִמְחֹל לוֹ'.

טיב הפרשה

## דער שכר פון א מצוה לויט די אנשטרענגונג

ויקח שם ויפת

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר ביים סוף פון די פרשה נאכ'ן שילדערן די מבול איבער די געשעעניש וואס האט זיך אפגעשפילט מיט נח און ווי אזוי די קינדער האבן זיך געפירט דערביי.

די תוה"ק דערציילט אונז אז ווען די צוויי ברידער שם און יפת האבן געזען וואס איז געשען צו זייער טאטע האבן זיי באדעקט דעם טאטן אז נח זאל נישט קומען לידי בזיון.

דער לשון וואס די תוה"ק נוצט ביים דערציילן די פרשה איז 'ויקח שם ויפת את השמלה וישימו על שכם שניהם וילכו אחרנית ויכסו את ערות אביהם ופניהם אחרנית וערות אביהם לא ראו'.

מיר ווייסן אז יעדע ווארט אין די תוה"ק איז מדוייק עד אין לשער.

רש"י הק' איז מדייק אויפ'ן ארט איבער דער לשון 'ויקח' אז עס איז א לשון יחיד.

אויבנאויף איז שווער פארוואס שטייט א לשון יחיד - עס וואלט געדארפט שטיין א לשון רבים ווייל צוויי האבן גענומען די צודעק.

עס וואלט געווען פאסיגער אז עס זאל שטיין 'ויקחו' און נישט 'ויקח'.

נאר רש"י דעקט דא אויף אז די תוה"ק שרייבט עקסטער א לשון יחיד און נישט א לשון רבים ווייל ער וויל דא לאזן הערן א דערהער.

די תוה"ק לאזט דא הערן אז ביידע זענען געווען שותפים צו די פעולה אבער די אנשטרענגונג צו די מצוה איז נישט אייניג.

פאר שם איז די פעולה אנגעקומען אסאך שווערער ווי פאר 'יפת'.

די פעולה ביי שם איז געווען שווערער און אויך די שכר איז געווען אנדערש. אינדערצייט וואס די באלוינונג פאר יפת איז געווען אז לעתיד לבוא וועלן זיינע קינדער זוכה זיין צו קבורה ווי דער פסוק אין יחזקאל איז מעיד [לט, א] אֶתֵּן לְגוֹג מְקוֹם שָׁם קֶבֶר, האט שם זוכה געווען אז בשכר די פעולה וועלן זיינע אייניקלעך באקומען די מצוה פון ציצית.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די רש"י זעט מען א מורא'דיגע זאך. מ'זעט אז טראץ וואס ביידע האבן געטון די זעלבע פעולה און זענען געווען אייניגע שותפים אין די מעשה איז אבער די שכר פאר די מצוה נישט די זעלבע, אז איינער באקומט פאר דעם א גרויסער שכר און דער צווייטער א קלענערער שכר, ווייל אין הימל מעסט מען נישט בלויז די מעשה אליין נאר אויך די אנשטרעגונג - וויפיל מ'האט זיך אנגעשטרענגט פאר די מעשה.

די געדאנק דערקענט זיך סיי פון דער לשון וואס די תוה"ק נוצט צו פונאדערשיידן די פעולה, אבער נאכמער איז עס קענטיג ווען מ'רעדט פון די שכר וואס זיי האבן באקומען פאר די מעשה.

די הבדל אין די שכר איז אומגלויבליך. אינדערצייט וואס יפת וועט זוכה זיין צו קבורה, האט שם זוכה צו א נצחיות'דיגע שכר, אז זיינע קינדער וועלן קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה פון ציצית און מאכן א נחת רוח פאר'ן בורא כל העולם אויף אייביג.

די מעשה איז א גרויסער חיזוק פאר יעדן איד וואס לערנט תורה און שטרענגט זיך אן פאר א מצוה. אין די היינטיגע וועלט איז דער שטייגער

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073–2951321 לשה"ק: 073–2951320



...דבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אז די שאצונג צו א זאך איז לויט די 'כמות'. מען ציילט וויפיל בלעטער יענער האט געלערנט אדער וויפיל מסכתות יענער האט אנגעיאגט. אבער אויבן אין הימל איז דא אן אנדער מעסטל. דארטן מעסט מען נישט די כמות נאר די איכות, די יגיעה פון די זאך.

דער געדאנק טרעפן מיר אויך אין חז"ל אין מדרש שיר השירים (פרשה ח' סימן י') וואו די מדרש רעדט ארום פון די נקודה. מיר ציטירן דא דער לשון המדרש וז"ל: "מה טעם האלף לך שלמה, ר' חייא בריה דרבי אבא דיפו אמר הלומד תורה בצער נוטל אלף, שלא בצער מאתים נוטל בשכרו, ממי את למד משבטו של יששכר ומשבטו של נפתלי, שבטו של נפתלי על ידי שהיו עוסקים ולומדים תורה בצער נטלו שכר אלף, הה"ד (דברי הימים א', י"ב, ל"ה) ומנפתלי שרים אלף, אבל שבטו של יששכר על ידי שהיו למדין תורה שלא בצער נטלו שכר מאתים, שנאמר (שם פסוק ל"ג) ראשיהם מאתים, וכל אחיהם על פיהם".

מיט דעם דערהער קען מען אויך פארשטיין די ווערטער פון די הייליגע גמרא אין מסכת חגיגה [דף ט ע"ב] אויפ'ן פסוק [מלאכי ג, יח] 'ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע, בין עובד אלקים לאשר לא עבדו'.

די גמרא אויפדעם זאגט אז פון דא לערנט מען ארויס אז דער וואס לערנט זיין לימוד הונדערט מאל איז נישט די זעלבע ווי דער וואס לערנט דער לימוד הונדערט און איין מאל.

ווען מ'טראכט אריין מיט א טיפקייט אין די ווערטער פון די גמרא כאפט עס א פחד. מ'רעדט דא פון א איד וואס האט געלערנט תורה און גע'חזר'ט הונדערט מאל א סוגיא אבער דאך איז ער אין די בחינה פון 'לא עבדו' קעגן דער וואס האט געלערנט א סוגיא הונדערט און איין מאל.

די סיבה דערצו איז ווייל דער וואס האט געלערנט הונדערט און איין מאל האט אריינגעלייגט מער יגיעה אין דער לימוד.

די יגיעה פון הונדערט און איינס ביז הונדערט איז נישט קיין פארגלייך, אבער מיט דעם אלעם איז עס נישט די זעלבע, ווייל די ביסעלע יגיעה וואס דער וואס האט געלערנט הונדערט און איינס מאל הייבט אויף דער לימוד לאין ערוך.

מיט דעם דערהער קען מען אויך פארשטיין די ווערטער פון די גמרא אין ברכות [דף מז ע"ב] וואס רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אז א מענטש זאל זיך מקדים זיין און קומען אין שול און זיין פון די עשרה ראשונים און אז דער איד וואס פירט זיך אזוי נעמט שכר כנגד כולם און אז אפילו הונדערט אידן קומען שפעטער אונטער - נעמט ער שכר קעגן אלע הונדערט.

פארוואס קומט זיך אזא גרויסער שכר פאר א איד וואס קומט פרי אין בית המדרש, אז ער נעמט שכר קעגן הונדערט וואס קומען נאך אים? די סיבה דערצו איז ווייל ער האט זיך מייגע געווען, און די יגיעה האט א געוואלדיגע חשיבות.

היוצא לנו מכל זה אז אין הימל האט די יגיעה פון א איד א גרויסע חשיבות און אז די יגיעה קען צומאל איבערשטייגן די כמות פון א זאך.

די געדאנק דארף זיין א לימוד פאר אונז אייביג. עס מאכט זיך אסאך מאל אז א איד האט נישט קיין כח צו לערנען און ער האט מניעות ביים לערנען. דער איד קען צומאל כאפן א שוואכקייט שפירנדיג די שוועריגקייט אדער די יגיעה, אבער דער אמת איז די פארקערטע, אז די יגיעה דארף געבן כח פאר דעם מענטש וויסנדיג אז זיין חשיבות עומד צו זיין קעגן די יגיעה איז אויסנאם גרויס.

זאל הקב"ה געבן די כוחות הנפש אז מ'זאל זיך אייביג קענען שטארקן איבער די שוואכקייטן און זיך מתגבר זיין אויף די מניעות, און זוכה זיין צו די גרויסע שכר און דביקות בשמו יתברך.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לייענערס

# די שפעטיגונג וואס האט געראטעוועט

פאר לאנגע יארן דין איך אלץ א פריוואטער טעקסי דרייווער פאר אידן וועלכע באשטעלן ביי מיר נסיעות. איין טאג קלינגט מען מיר אן און מ'באשטעלט מיר אויף א ספעציעלער טריפ אפצונעמען א איד וואס איז ליידער באגרעניצט און גייט ארום פון איין ארט צו די אנדערע מיט א רעדער בענקל.

דער באשטעלער האט געזאגט אז דער איד וויל פארן צום לופטפעלד און ער דארף איינער זאל אים נעמען.

איך האב אנגענומען די באשטעלונג און זיך ארויסגעלאזט צו די אכסניא פון דעם איד. אנקומענדיג אהין האב איך געזען אז מ'רעדט פון א חשוב'ער איד וואס זיצט און לערנט תורה פון צופרי ביז ביינאכט אויסנוצנדיג יעדע רגע פאר תורה. מ'האט אים ארויפגעזעצט אויפ'ן קאר און זיך געגרייט ארויסצופארן צו די עירפארט.

דער איד האט געדינגען א דירה אין ארץ ישראל. עס איז געווען אפגעשמועסט אז איידער ער קערט זיך צוריק קיין אויסלאנד וועט דער בעל האכסניא קומען צוגיין און נעמען די שליסלען.

זעענדיג אז עס ווערט שפעט האב איך זיי געמוטיגט אז איך וועל נעמען די שליסלען און ווען איך וועל זיך צוריקקערן קיין ירושלים וועל איך איבערגעבן די שליסלען פאר דעם בעל אכסניא.

דער איד האט זיך באַרואיגט און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צום עירפארט. אונטערוועגענס פרעג איך דעם איד צי מ'האט אלעס און צי זיי האבן מיטגענומען מיט זיך די פאספארטן און די דאקומענטן.

איך האב געפרעגט די שאלה אלץ געוואוינהייט, אבער נאכ'ן פרעגן האב איך באמערקט אז כ'האב דערוועקט ביי זיי א נקודה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי האבן פארגעסן די פאספארטן אין די אכסניא. אז מ'האט נישט קיין פאספארט קען מען נישט ארויספארן פון לאנד. קיין אנדערע ברירה איז נישט געווען. מ'האט געדארפט מאכן א בואי בשלום און זיך צוריקקערן צו די אכסניא. די שלעפעריי האט גורם געווען אז מ'זאל נישט האבן גענוג צייט אנצויאגן די פליגער און עס פארשפעטיגן.

אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט די אויסטערלישע השגחה פרטית. ווען מיר געבן גלייך צוריק די שליסל, וואלט דער איד נישט געהאט קיין וועג אריינצוגיין אין די דירה און אויך נישט קיין אכסניא וואו צו נעכטיגן יענער נאכט, נאך דעם וואס ער האט נישט געהאט די שליסל צו די דירה און ער האט נישט געקענט נעמען אן אנדערע אכסניא צוליב זיין באגרעניצונג.

נאך זייענדיג אין די קאר האב איך מיטגעהאלטן וואו דער איד קלינגט אריין א צווייטער איד און באשטעלט אים אז ער זאל אים נעמען ביינאכט צום ציון הק' פון דער אור החיים הק'.

"איך ווייס פארוואס איך האב פארשפעטיגט די פליגער", זאגט מיר דער איד. דערביי האט ער פארציילט אז איידער ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך פארגענומען אז ער גייט גיין צום ציון פון דער הייליגער אור החיים הק' זי"ע, ווייל ער געבט איבער מידי שבוע בשבוע א שיעור אין אור החיים הק', אבער ער האט פארגעסן פון דעם.

יעצט, אז ער האט געשפעטיגט די פליגער האט ער זיך דערמאנט אין זיין צוזאג און מקיים געווען זיין הבטחה און איז געפארן צום ציון הק' פון דער אור החיים הק'.

נאר נאכ'ן זיין ביים ציון הק' האט ער זיך צוריקגעקערט קיין אמעריקע, און דאסמאל איז די נסיעה געווען גלאטיג און געשמירט.

די געשיכטע האט מיר געלערנט ווי אזוי יעדער זאך וואס געשעט צו א מענטש איז מיט א גענויער חשבון און פירט זיך אויסגערעכנט אויף יעדער האר, אויך ווען עס זעט נישט אויס אזוי.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ק.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

## טיב המעשיות

# תיבת נח – היינטיגע צייטן

**"וַיָּבֹא נֹחַ וּבָנָיו כו' אֶל הַתֵּבָה, מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל"** (ז, ב)

עס איז באוואוסט דער יסוד פון דער **הייליגער בעל שם טוב זי"ע** (בעש"ט עה"ת ר"פ חוקת), אז די תורה הקדושה איז **נִצְחִית**, און יעדע איינצלהייט וואס שטייט אין איר איז נוגע אויף עפעס א וועג, פאר יעדן איינעם פון כלל ישראל אין יעדער צייט, און אין יעדער פלאץ.

אויך די "**תֵּיבַת נֹחַ**" איז א **נצחית**, און דער ענין דערפון גייט אן אין יעדן דור און אין יעדער צייט און פלאץ. ווייל אונזערע הייליגע חז"ל האבן געזאגט אנהייב פון פרק הַזָּהָב (בבא מציעא מד.): "מִי שֶׁפָּרַע מֵאַנְשֵׁי דּוֹר הַמַּבּוּל וּמִדּוֹר הַפְּלָגָה, הוּא עָתִיד לְהִפָּרַע מִמִּי שֶׁאֵינוֹ עוֹמֵד בְּדִבּוּרוֹ". דערמיט האבן זיי מרמז געווען, אז אין יעדן דור געפינט זיך אביסל פון די השפעה פונעם דור המבול און דער דור הפלגה, און דעריבער, דער וואס האט זיי באשטראפט, דער וועט אויך באשטראפן אלע וואס גייען אין זייערע וועגן און פירן זיך אזוי ווי זיי.

אויך אינעם יעצטיגן דור איז דא רח"ל פיל השחתה, אזוי ווי די השחתה וואס איז געווען ביים דור המבול וואס דערויף שטייט "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ". – קומט אויס פון דעם, אז אויך אונז דארפן היינט האבן א "**תֵּיבַת נֹחַ**", אין וועלכע מיר זאלן זיך קענען גוט איינשפארן, כדי עס זאל אונז באשיצן פונעם שרעקליכן פארפלייצונג פון די בייזוויליגע מֵי הַמַּבּוּל וואס פארפלייצט די גאנצע וועלט, רחמנא ליצלן.

און באוואוסט זענען די ווערטער פון די צדיקים, אז די 'תיבת נח' פון היינטיגע צייטן זענען די הייליגע ישיבות און די בתי מדרשים, וואו די תורה הקדושה וואקסט און בליט. און דאס דארפן מיט גוט איינ'חזר'ן און דאס געדענקען, ווייל אֵין לָנוּ שִׁיּוּר רַק הַתּוֹרָה הַזֹּאת, און אויך ווען ארום אונז בוזשעוועט א שטורעם־ווינט, מיט א שרעקליכן מבול און כוואליעס פון כפירה און שווערע תאוות, אין א דור ווען דאס הפקרות און טאנצט אין די גאסן, איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר זיך צו באהאלטן צווישן די הייליגע גמרא בלעטער, וואס דערפריידט דאס הארץ און באלייכט די אויגן, אמן.

***

די געוואלדיגע התמדת התורה פון מורינו ורבינו **הגה"צ רבי זונדל קרויזער זצוק"ל**, בעל **'אור החמה'**, איז געווען א שֵׁם דָּבָר. ער פלעגט אויסנוצן יעדע איבעריגע רגע צו לערנען תורה, און ער האט זייער שטארק מורא געהאט פון די עבירה פון ביטול תורה, און אזוי פלעגט ער ממש אנטלויפן צו די גמרא, אזוי ווי איינער וואס אנטלויפט פונעם מבול צו די תיבה...

האט מיר דערציילט **זיין פלומעניק, דער זון פון זיין ברודער יבלחט"א**, אז איינמאל ווען ר' זונדל ע"ה איז געלעגן אין בעט אין **'שערי צדק' שפיטאל**, זייענדיג זייער נישט געזונט, איז ער אויפגעשטאנען זייער פרי, און ער איז געגאנגען באזוכן רבי זונדל'ן ארום זיבן אזייגער אינדערפרי.

רבי זונדל האט זיך זייער געפריידט צו אים, און נאכן אים פרעגן וויאזוי ער פירט זיך, און אויסטוישן צווישן זיך עטליכע ווערטער וועגן זיין קרענק און איר היילונג, און איבער דער דאקטאר וועלכער באהאנדלט אים, האט רבי זונדל פאר א רגע געכאפט א בליק אויף זיין זייגער, און זיין געזיכט איז פלוצלונג געווארן זייער ערנסט, און ער האט געפרעגט זיין פלומעניק מיט א טרייסל: עס איז שוין יעצט **פערטל נאך זיבן** אינדערפרי! וויפיל בלאט האסטו שוין אריינגעכאפט צו לערנען היינט? עס איז דאך שוין דורכגעגאנגען עטליכע שעה פון ווען דער טאג האט זיך אנגעהויבן!...

און דער איד האט מעיד געווען פאר מיר, אז כאטש עס איז שוין דורכגעגאנגען א גוטע פאָר יאר פון יענעם באזוך, טוט אבער די פראגע פון רבי זונדל נאך אלץ שרייען און פאדערן אין זיינע טיפענישן: **וויפיל האסטו אנגעיאגט היינט?** און מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן די חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה וואס רבי זונדל האט איינגעווארצלט אין אים מיט זיין געוואלדיגע פראגע, און עס דרינגט אריין אין די טיפענישן פונעם נפש!

***

יעדן טאג פלעגט **רבי זונדל ע"ה** פראווען **'תיקון חצות'**, זיך זעצנדיג אויף א נידעריגן בענקל ווייניגער ווי דריי טפחים, ווי דער שטייגער פון יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים אין די פריערדיגע דורות.

רבי זונדל האט געהאט א ספעציעלן סדר פון לימודים וואס ער פלעגט לערנען נאכן ענדיגן אפרעכטן תיקון חצות, און ער פלעגט דעמאלטס עוסק זיין אין עטליכע מוסר ספרים אין וועלכע ער האט דעמאלטס געהאט א קביעות. און אזוי האט ער געהאט א מסודר'דיגע סדר פון לערנען, וואס ביי א טייל פון די סדרים איז עס געווען בלויז א סדר פון עטליכע מינוט, ביי יעדן זאך לויטן ענין.

צום ביישפיל, ווען ער האט געגעסן פרישטיג, נאכן צוריקקומען פון שחרית ביי ותיקין, פלעגט ליגן אויף זיין טיש דער **ספר הזוהר הקדוש**, און ער פלעגט דעמאלטס לערנען זוהר הקדוש פונעם פרשת השבוע. נעבן אים איז אויך געלעגן א 'בליי', און ער פלעגט פארצייכענען אינעם ספר ביי יעדן שטיקל פון וועלכע מען קען ארויסלערנען א לימוד מוסר לדורות, כדי עס זאל זיין גרינג צו טרעפן ווען מען וועט עס זוכן.

און ביינאכט ביים עסן נאכטמאל, האט ער געהאט א געוויסן סדר פון **לערנען משניות**. ווי פארשטענדליך איז דאס נישט געווען קיין לאנגן סדר, וויבאלד זיין גאנצע מאלצייט האט נישט געדויערט לענגער ווי איניגע מינוטן... אבער אויך די פאר מינוטן זענען אים געווען זייער טייער אין הארץ, אויסנוצנדיג די מינוטן צו לערנען די הייליגע תורה.

**דעריבער איז נישט קיין וואונדער, אז ער איז אלעמאל געווען אפגעהיטן מיט א געוואלדיגע קדושה, ווען אלע שטרויכלונגען פון דער צייט האבן אים בכלל נישט אנגערירט, און ער איז שטענדיג געבליבן באשיצט אינעם תיבת נח!...**

***

הגאון הצדיק המפורסם **מוהר"ר שבתי וויגדער זצ"ל**, וועלכער איז געווען פון די רבנים פון די שטאט **בית שמש יצ"ו**, וואו ער האט מרביץ תורה געווען לַעֲדָרִים, און ער האט משפיע געווען אסאך יראת שמים און קדושה צו זיינע פילע תלמידים, די חברים פון אונזער קהילה שיחיו אין בית שמש.

זיינע סדרי הלימוד זענען פול געווען פון צופרי ביז ביינאכט, און פונדעסטוועגן, ווען ער האט געמאכט אמאל א חשבון פון זיין סדר היום, האט ער שוין געטראפן א מעגליכקייט וויאזוי 'אריינצושטופן' נאך א קורצן סדר לימוד צווישן די סדרים... און דעריבער האט ער געבעטן איינער פון די יונגעלייט אין שטאט אז ער זאל לערנען מיט אים בחברותא פאר אט דעם קורצן סדר יעדן טאג. דער יונגערמאן האט גערן צוגעשטימט, און די חברותא איז געווארן א פאקט.

גלייך ביי די ערשטע טעג וואס זיי האבן אנגעהויבן צו לערנען בחברותא, האט דער יונגערמאן אין אכט גענומען, אז דאס איז א 'סדר' וואס איז אריינגעשטופט געווארן מיט כח... ווען ר' שבתי איז שוין געווען מיד און אויסגעמוטשעט נאך לאנגע שעות פון זיך פלאגן אין לערנען מיט גרויס יגיעה, מיט זיינע פילע לימודים אין די פארשידענע ערטער וואו ער האט מרביץ תורה געווען. און טראצדעם וואס ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, האט ער נישט צוגעשטימט זיך צו גיין אראפלייגן אביסל, נאר ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות און זיך געשטארקט צו לערנען אפילו דעמאלטס.

איין טאג האט דער יונגערמאן אביסל פארשפעטיגט, בלויז עטליכע מינוט, און רבי שבתי וועלכער איז געווען זייער מיד און אפגעשוואכט, און האט זיך קוים געהאלטן, האט אין אנהייב פראבירט לערנען אליין, אבער זיין קאפ האט זיך גלייך אראפגעלאזט, און ער האט איינגעדרימלט אזוי זיצנדיג, פון גרויס מידקייט. ווען דער חברותא איז אריינגעקומען און האט געזען דער מצב, האט ער גוט פארשטאנען ווי וויכטיג עס איז פארן רב זיך אויסצורוען, דעריבער האט ער שטארק אכטונג געגעבן אז עס זאל בלייבן שטיל ארום דער רב, און קיין שום רעש זאל דארט נישט געהערט ווערן, כדי דער צדיק זאל זיך קענען אביסל אפרוען.

אזוי איז געלונגען פאר רבי שבתי צו דרימלען זיצנדיג אויפן בענקל, פאר גאנצע 'צען מינוט'... פלוצלונג האט זיך ר' שבתי אויפגעוועקט, און מיט גרויס שרעק האט ער זיך אנגערופן: אוי! אוי! איך האב פארפאסט אזעלכע טייערע צייט פון לערנען! וואס וועט זיין מיט מיר...? און אזוי איז ער געזעצן און ער האט געמאכט א חשבון וויפיל צייט ער האט אזוי געדרימלט, און ער איז אנגעקומען צו דעם אז ער איז געשלאפן פאר גאנצע צען מינוט. דא האט ער זיך ווייטער גע'מוסר'ט, זאגנדיג: צען מינוט! איז פארלוירן געווארן! אוי וויי, וואס וועט זיין מיט מיר! איך וועל נאך ארויסקומען אן עם הארץ חלילה...

ווען דער יונגערמאן האט געזען די געוואלדיגע צער פון רבי שבתי, האט ער אים פראבירט אביסל צו בארואיגן, ערקלערנדיג אז ער איז נאר יעצט אנגעקומען!...

ר' שבתי האט זיך אבער בכלל נישט בארואיגט, ערקלערנדיג **וואס איז מיר דען א נפקא מינה ווען דו ביסט אנגעקומען?... איך האב דאך אליין פארלוירן צען גאנצע מינוט פון לימוד התורה! וואס וועט זיין מיט מיר? אויף אזא שטייגער בין איך נאך אימשטאנד צו אויסוואקסן אן 'עם הארץ' חס ושלום!**

און ווי געזאגט איז דאס געווען ווען ר' שבתי איז שוין געווען אויף דער עלטער, זייענדיג א גאון מופלג, פון די גרויסע תלמידי חכמים אין זיין דור, און נאכן צוזאמשטעלן פילע ספרים וועלכע זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס ליבשאפט איבער די גאנצע וועלט!

***

אין א געוויסע תקופה, האבן די דאקטוירים אים פארבאטן צו עסן **'מעל'**, אויסער אויב ער עסט זייער א קליין קוואנטום [כמות] דערפון.

איין טאג, האט ער זיך אריינגעלאזט מיט א יונגערמאן פון זיין כולל אין א טיפע שמועס אין לערנען, וואס האט זיך פארצויגן א לאנגע צייט, און ר' שבתי וועלכער האט שוין א לאנגע צייט נישט געגעסן, האט גענומען שפירן א הונגער. אזוי רעדנדיג מיטן יונגערמאן, האט ער ארויסגענומען עטליכע קיכלעך פונעם קעסטל וואס איז געלעגן פאר אים אויפן טיש, און מיט גרויס כוונה געמאכט די ברכה 'בורא מיני מזונות', און ער האט זיך גלייך צוריק פארטיפט אין לערנען צוזאמען מיטן יונגערמאן, אזוי עסנדיג ווייטער פון די קיכלעך.

אבער וויבאלד ער איז געווען אזוי שטארק פארטיפט אינעם פארוויקלטן סוגיא, האט ער פארגעסן צו נעמען אין באטראכט וויפיל קיכלעך ער עסט... און נאר ווען ער האט געענדיגט רעדן אין לערנען מיטן יונגערמאן, האט ער באמערקט די פושקע קיכלעך אויפן טיש, און ער האט זיך אנגערופן צום יונגערמאן: **דאכט זיך מיר אז איך האב עפעס געגעסן דא אינמיטן ווען אונז האבן גערעדט... אבער איך האב נישט אין אכט גענומען צי עס איז געווען א 'שיעור' פאר א ברכה אחרונה... איז אפשר דא איינער וואס קען מיר מוציא זיין מיט א ברכה אחרונה...?**

**פון אט די וואונדערליכע מעשה קענען מיר זיך ארויסלערנען א טאפלטן מוסר השכל, צום ערשט, אויף ווי ווייט דער גאון איז געווען פארטיפט אין**

**לערנען, אז ער האט נישט אין אכט גענומען אז ער עסט... און צווייטנס, אז ער האט נישט מורא געהאט וועגן וויפיל ער האט געגעסן, צי עס איז נישט געווען מער ווי וואס דער דאקטאר האט אים ערלויבט, נאר ער האט בלויז מורא געהאט טאמער ער האט געגעסן א 'שיעור' אויף וועלכע מען דארף מאכן א ברכה אחרונה!!!**

***

עס איז ידוע און באקאנט אז די הייליגע שטייגער פון די תלמידי **הבעש"ט הקדוש זי"ע** איז געווען, אז זיי פלעגן זיך באהאלטן און פארשטעקן זייער גרויסקייט, און זיי פלעגן אלעמאל מקיים זיין דאס וואס עס שטייט אין פסוק (מיכה ו, ח) "וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ". איבערהויפט פלעגן זיי שטארק באהאלטן זייער געוואלדיגע גרויסקייט אין תורה, כדי עס זאל חלילה נישט זיין קיין תורה 'להתגדל'. און טראצדעם וואס זיי זענען געווען גְּאוֹנִים מֻפְלָגִים אין אלע מִקְצוֹעוֹת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, פלעגן זיי עס באהאלטן, אזוי ווי דאס ווערט ערקלערט באריכות אינעם **איגרת הקודש**, ביים סוף פונעם הייליגן ספר **נועם אלימלך**.

איינער פון אט די וואונדערליכע צדיקים, איז געווען **הרה"ק רבי יאסל ניישטאַטער זצוק"ל**, זון פונעם הייליגן **מאור ושמש זצוק"ל**, וועלכער איז געווען באוואוסט אלץ דער **'גוטער יוד'** – וויבאלד ער האט קיינמאל נישט גערעדט שלעכטס אויף קיינעם, און פילע זענען געהאלפן געווארן דורך אים. ער פלעגט שטענדיג זיצן מיט א **'ספר תהלים'** אין האנט, אויסזעענדיג ווי א 'תהלים זאגער'...

צווישן מנחה און מעריב פלעגט פארקומען אין זיין בית המדרש א שיעור משניות פאר בעלי בתים, און דער צדיק פלעגט זיצן פונדערזייט אויף זיין פלאץ מיט זיין תהלימ'ל... און ער פלעגט זיך מאכן כאילו ער פארשטייט נישט די משנית וואס מען לערנט... ווען פון מאל צו מאל פלעגט ער פרעגן א גאר פשוט'ע שאלה אינמיטן דער שיעור, און דער פאָרלערנער האט געגעבן זיין ענטפער האט ער זיך געמאכט אזוי ווי ער פארשטייט נישט געהעריג, און דעריבער האט ער געבעטן דעם מגיד שיעור אז ער זאל נאכאמאל געבן צו פארשטיין דעם ענין...

און דעריבער האט יעדער געמיינט אז דער רבי קען נישט לערנען... און אפילו זיינע אייגענע גבאים האבן אזוי געמיינט...

איינמאל איז א פרוי אריינגעקומען צו אים, און זי האט זיך גענומען ביטערליך צו וויינען, וויבאלד איר מאן איז געלעגן ביטער קראנק, און זי האט נישט געהאט קיין געלט פאר קיין דאקטוירים און מעדעצינען, צוליב די הוצאות וואס זענען געווען זייער גרויס.

האט דער רבי זיך אנגערופן צו דער גבאי: קום, לאמיר זיך ארויסלאזן צו די און די שטאט, וואו עס געפינען זיך עטליכע עשירים פון מיינע באקאנטע, און האפנטליך וועל איך קענען באקומען פון זיי די סומע וואס מען דארף האבן צו אויסהיילן דעם חולה.

אינדרויסן האט געהערשט א שרעקליכע קעלט. עס איז געווען טיף אינמיטן ווינטער, ווען א שווערע שניי האט זיך אראפגעלאזט, און מען האט בכלל נישט געקענט ארויספארן.

פלוצלונג האט זיך געהערט דער קול פון א פערד און וואגן וואס דערנענטערט זיך. ווען דער גבאי האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, האט ער געזען א פראכטפולע וואגן וואס איז איינגעשפאנט צו א ספעציעלע שליטן וואס איז געאייגנט צו קענען גליטשן אויף די שניי. ער האט אפגעשטעלט דעם בעל-עגלה, און ער האט אים געפרעגט צי ער וואלט געקענט באשטיין זיי צו נעמען צו די און די שטאט, און ער וועט באקומען דעם פולן פרייז.

דערויף האט דער בעל עגלה געענטפערט, אז ער דארף טאקע יעצט אנקומען צו יענע שטאט, און ער וועט זיי גערן נעמען.

ווען דער גוטער איד מיט זיין גבאי זענען אנגעקומען צו יענעם שטאט, האט זיך דער בעל עגלה אפגעשטעלט ביים גרויסן בית המדרש, און דער הייליגער רבי מיט זיין גבאי זענען אראפגעגאנגען פונעם וואגן, און אזוי זינקענדיג אין די הויכע שניי האבן זיי זיך צוגעשלעפט צום בית המדרש.

אריינקומענדיג אינעווייניג, האבן זיי געזען ווי דער רב פון שטאט האלט אינמיטן א שווערע און פארוויקלטע שיעור אין גמרא תוספות, און ער האט געהאט דערין א שארפע ויכוח מיט די גרויסע לומדים פון די שטאט. ווי נאר דער רב האט געזען דער רבי וועלכער האט געהאט א וואונדערליכע צורה און ליכטיגע הדרת פנים, איז ער אים אנטקעגן געלאפן מיט א קענטיגע שמחה, און מיט א הארציגן **'שלום עליכם'**, האט ער זיך אנגערופן צו אים: אזוי גוט אז דער רבי איז אנגעקומען פונקט אין די ריכטיגע צייט! מיר האלטן דא שוין א לאנגע צייט אינמיטן א שווערע סוגיא, און מיר האבן דא אויפן בלאט גאר א שווערע **תוספות**, און עס גייט אונז נישט עס צו ענטפערן בשום אופן, בעטן מיר דעם הייליגן רבי'ן צו באלייכטן די ווערטער פונעם הייליגן תוספות פאר אונז!

דער גבאי וועלכער איז געשטאנען פונדערזייט, האט געקענט דעם רבי'ן אלץ 'תהלים זאגער', וואס אפילו פשוט'ע 'משניות' איז אים שווער צו פארשטיין. הערנדיג די ווערטער פונעם רב, האט ער נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פון פארלעגנהייט. ער האט אנגעהויבן ארויסצוגיין פון בית המדרש, און ער האט געוואונקען פארן רבי'ן אז ער זאל מיטקומען מיט אים, ערקלערנדיג אז זיי איילן זיך זייער שטארק... און דערביי האט ער אינזינען געהאט אז דער רבי זאל חלילה נישט פארשעמט ווערן ברבים...

דער רבי האט אבער נישט געוויזן קיין שום צייכן פון אומבאקוועמליכקייט. און פארן גבאי האט ער ערקלערט אז אלעס וועט זיין אין ארדענונג. ער איז צוגעגאנגען צום שטענדער פונעם רב, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים ווייזן די ווערטער פון תוספות. נאכן בליקן א קורצע צייט אין די הייליגע ווערטער, האט ער אנגעהויבן עס צו ערקלערן, באלייכטנדיג די אויגן פון די צוהערער, עפענענדיג פאר זיי די 'שערי תוספות', און נאכן הערן זיינע ווערטער איז די גאנצע סוגיא ארויסגעקומען קלאר בְּאוֹר מֻפְלָא רוּם מַעְלָה!

ווען דער הייליגער רבי האט געענדיגט זיינע ווערטער, זענען אלע געבליבן שטיין פארוואונדערט פון די געוואלדיגע גאונות וואס דער רבי האט דא ארויסגעוויזן. דער גרויסער רב איז צוגעגאנגען צו אים און געקושט זיין הייליגע האנט, און אים געבעטן פארוואס ער איז געקומען דא אין שטאט. ווען ער האט געהערט די סיבה וואס האט צוגעברענגט אז דער רבי זאל אהערקומען, האט ער געזאגט: עס פאסט נישט פאר א רבי וועלכער איז אזא גרויסער גאון, אז ער זאל זיך ארויסלאזן אין אזא שניי. דעריבער וועלן מיר אהעררופן אלע עשירים, אז זיי זאלן קומען מיטן רבי'ן און געבן זייער הארציגע שטיצע פאר די צדקה צוועק צוליב וועלכע דער רבי איז אנגעקומען דא אין שטאט.

און ווירקליך, ביז א קורצע צייט זענען אלע עשירים געווען פארזאמלט מיטן רבי'ן אין בית המדרש, וואו זיי האבן גערן אנגענומען זיין רוף, און בליץ שנעל איז שוין די גאנצע סומע געלעגן ביי אים אין האנט, און דער צדיק האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים, כדי ארויסצוהעלפן דעם חולה!

אויפן וועג צוריק האט זיך דער צדיק צוריקגעקערט צו זיין געוועגליכן שטייגער, זיצנדיג איינגעהילט אין זיין פעלץ מיטן תהלימ'ל אין האנט... נאכן פארן א שטיק וועג, האט ער זיך געוואנדן צו דער געטרייער גבאי, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל לערנען מיט אים אביסל משניות...

האט דער גבאי געזאגט: רבי, עס האט זיך שוין געענדיגט די גאנצע באהאלטן זיך... פון מיר קען זיך דער רבי שוין מער נישט באהאלטן, ווייל איך האב דאך שוין יעצט געזען מיט די אויגן דעם געוואלדיגן גאונות פונעם רבי'ן!

דער הייליגער רבי האט אים אבער ערקלערט, אז ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, וויבאלד מען האט געמוזט תיכף ומיד פארשאפן דעם גאנצע סומע געלט, צוליב דער געזונט פון דער חולה מסוכן, און וויבאלד ער האט געוואוסט אז נאר אזוי וועט ער קענען שאפן די גאנצע געלט, האט ער געמוזט ארויסווייזן זיין כח התורה. ער האט אבער געבעטן דער גבאי אז ער זאל גארנישט דערציילן פון דאס וואס ער האט געזען!





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין • באשטעלט • דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!